# הרב ר׳ אלעזר פנחס ווילער ז״ל

• ש. בר־יוחאי

אין די שיחות־קודש פון אחרון של פסח ה׳ת״ש זאָגט דער רבי מוהרי״צ נ״ע בנוגע אַ געוויסן ענין: „איך שטעל אויף דער ג־טלעכער הצלחה וואָס איז מיר ב״ה געשענקט געוואָרן, אַז יעדער זאַך וואָס איך רעכן אַז דאָס איז אַ טובת הרבים, אין תורה, יראת שמים און אידישער פּרנסה בכלל און חסידים בפרט, העלפט השי״ת, אַז פריער אָדער שפּעטער, דורך כמה סיבות מסיבות שונות, ווערט די זאַך וואָס איך האָב גע־האַלטן, פאַרווירקלעכט״.

אין דעם פעבריאַר פון תש״ב — תש״ג, ווען דער רבי האָט זיך גענומען פאַרווירק־לעכן זיין לאָזונג, אַז אַמעריקע מוז ווערן אַ „מקום תורה״, האָט די ג־טלעכע הצלחה צוגעשטעלט דעם רבי׳ן אַ זעלטענעם אידן, וואָס האָט געהאַט דעם גרעסטן חלק אין דער גרינדונג פון אַ גרויסער צאָל ישיבות „אחי תמימים״ און בית־רבקה סקולס אין מערערע פראָווינץ־שטעט. זיין נאָמען איז געווען הרב אלעזר פנחס ווילער.

הרב ווילער איז געווען אַן אייניקל פון דעם באַוואוסטן חסיד ר׳ משה ווילער ז״ל פון קריסלאַווע, וואָס ווערט דערמאָנט אין איינער פון די מודעות אין תניא, ווי דער וואָס האָט געהאָלפן מגיה זיין דעם פערטן חלק פון תניא, דעם „אגרת הקודש״. הרב ווילערס פאָטער, ר׳ שמואל, האָט געלעבט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן אין ריגע און איז נפטר געוואָרן אין ארץ־ישראל.

הרב ווילער איז אָנגעקומען קיין אַמע־ריקע אין די מיטעלע דרייסיקער יאָרן. דעם ערשטן מאָל האָב איך אים געזען אין אַ שבת־מברכים אָנהויב ווינטער תרצ״ו, ווען אנ״ש פון בראַנזוויל און איסט ניו־יאָרק זיינען זיך צום ערשטן מאָל צונויפגעקומען אין דער „אנשי אַזאַריטש״ שול, אָפּצוהיטן דעם סדר פון שבת־מברכים: זאָגן גאַנץ תהלים, לערנען אַ מאמר און פאַרברענגען נאָכן דאַווענען.

איך האָב שוין דעמאָלט באַמערקט, אַז ער איז ניט בלויז פיזיש „משכמו ומעלה גבוה מכל העם״, מיט אַ קאָפּ העכער פון גאַנצן עולם; ער פאַרמאָגט אין זיך אויך, מער ווי אַנדערע, אַ ברויזנדיקע ענערגיע און אַן אומבאַגרענעצטע געוואַגטקייט. ער איז אַלע זיינע יאָרן געווען פאַרבונדן מיט דער ישיבת „תומכי תמימים״ ליובאַוויטש, ווי אַ משולח צו זאַמלען געלט איבער דער לענג און ברייט פון אַמעריקע. האָט ער באמונה דורכ־געפירט די אַנווייזונגען פון די רביים, צו קלייבן גשמיות און גלייכצייטיק צו פאַר־שפּרייטן רוחניות. הרב ווילער האָט געלייגט די גרעסטע כוחות צו לייגן מיט אַ אידן תפילין, ברענגען קינדער פון דער פראָווינץ אין דער ישיבה און שטאַרקן אידישקייט אין די שטעט און שטעטלעך וואָס ער האָט באַזוכט.

ער האָט אין צענדליקער שולן איינגעפירט דעם רבי׳נס תקנה צו זאָגן דעם יום תהלים נאָכן דאַווענען, טראָץ דעם וואָס דאָס האָט אין געוויסע קרייזן אַרויסגערופן קעגנער־שאַפט און האָט אפשר געבראַכט שאָדן צו זיין מיסיע ווי אַ משולח. ווען דער רבי האָט אים געגעבן אַ הוראה צו האַלטן אָפן די אויגן פאַר דער מעגלעכקייט צו גרינדן ישיבות קטנות אין דער פראָווינץ, האָט ער זיך אין דעם אַריינגעוואָרפן מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן.

אין אַ געוויסער שטאָט, וואו עס האָבן געוואוינט צווי חשובע תמימים, האָט ער זיי פאַרגעלייגט צו גרינדן דאָרט אַ ישיבה קטנה. די תמימים האָבן אָבער געהאַלטן, אַז צוליב געוויסע אָרטיקע רייבונגען צווישן עלטערע און אינגערע רבנים, איז די שטאָט נישט פּאַסיק פאַר אַ ישיבה קטנה. הרב ווילער האָט זיך אָבער ניט גערעכנט מיט זייער פעסימיזם, און האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָמיטעט פון אַן עלטערן רב מיט אַ אינגערן און נאָך עטלעכע מענטשן, און האָט דעם גאַנצן קאָמיטעט געבראַכט צום רבי׳ן נ״ע. ער האָט זיי באַאיינפלוסט, אַז זיי זאָלן בעטן דעם רבי׳ן, מען זאָל גרינדן אַ ישיבה אין זייער שטאָט.

די רבנים זיינען אַזוי דערוואָרעמט גע־וואָרן, אַז זיי אַליין האָבן פאַרגעלייגט זייערע אייגענע היימען און שפּעטער זייערע שולן ווי אַ קוואַרטיר פאַר דער ישיבה קטנה.

הרב ווילער האָט נאָך דערלעבט צו זען די פירות פון דער ישיבה קטנה, צווישן וועלכע עס געפינען זיך יונגעלייט גרויסע בני־תורה, וואָס איינער פון זיי איז היינט אַ ראש־ישיבה אין דער ליובאַוויטשער ישי־בה אין ברוקלין.

מיר איז באַקאַנט אַ צווייטע פראָווינץ־שטאָט, וואו ער האָט געהאַט אַ חזקה צו פאַרברענגען דעם חודש תשרי און פלעגט דאָרט שאַפן גרויסע סומען פאַר די ליובאַ־וויטשער ישיבות. מיט גרויס אָנשטרענג איז אים געלונגען צו לייגן דאָרט דעם יסוד פאַר אַ ליובאַוויטשער ישיבה קטנה, וועלכע האָט זיך געעפנט אַרום פורים־צייט. ווען ער איז דעם קומענדיקן חודש אלול צוריקגעקומען אין דער שטאָט און האָט זיך דערוואוסט,

אַז די ישיבה קטנה אַנטוויקלט זיך ניט צוליב געוויסע אויסערלעכע סיבות, האָט ער אין משך פון עטלעכע וואָכן אָנגעווענדעט די גרעסטע מי און אָנשטרענגונג — און מיט דערפאָלג: דער בנין פון דער ישיבה איז געוואָרן פאַרריכט און אָפּגעפּאַרבט; די ישיבה האָט געקראָגן אַן אויטאָ פונאַנדערצופירן די קינדער אַהיים; נאָך מער: ער האָט אויך געגרינדעט אַ בית־רבקה שולע אין דער שטאָט, מיט אַ באַזונדערן פּרויעקט פאַראיין, און האָט אַריינגעבראַכט אַ סך נייע תלמידים און די דאָזיקע מוסדות.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז געווען זיין אייגנאַרטיקע „טעכניק" פון קריגן תלמידים. ער פלעגט פון די זיידעס אין די בתי־מדרשים אויסגעפינען די נעמען פון זייערע אייניקלעך, אויף וועמען זיי האָבן לײדער ניט געהאַט קיין השפעה. דאַן פלעגט מען זיך לאָזן גיין צו די עלטערן. אין זיינע קעשענעס האָט הרב ווילער געהאַט די קינדער־ליטעראַטור אין ענגליש, וואָס דער ליובאַוויטשער „מרכז לעניני חינוך" גיט אַרויס, ווי אויך פאַרשידענע נאַשערייען. ער פלעגט אָנקלינגען אין דער טיר פון די געגעבענע קינדער — און ווען די מוטער האָט געעפנט די טיר, נאָך איידער זי האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו דערוויסן זיך וואָס די „ראַביים" ווילן, איז ער שוין געווען אין פאַרבינדונג מיטן קליינוואַרג. איינעם האָט ער געגעבן אַ קאָפּיע פון אַ נומער „טאָקס און טיילס"; אַ צווייטן האָט ער געגעבן אַ קאָפּיע פון „די סאָלדזשער" און אַ דריטן קינד האָט ער געגעבן אַ נאַשעריי. און בכדי צו מאַכן זיך היימישער, איז ער באַלד דערנאָך געזעסן ביי דער פּיאַנאָ און געשפּילט אַ חסידישן מאַרש.

דאָס איז געווען אַ מין בליץ־קריג טאַקטיק, דורכצוברעכן די ליניע פון שרעק און ווייטקייט, וואָס טיילט אָפּ אַ דורכשניטלעכע אַמעריקאַנער אידישע פרוי פון אידן מיט לאַנגע בערד. מערסטנס פלעגט ער נאָך אַזאַ באַזוך „אַריינקריגן" דאָס קינד.

די צוויי פּראָווינץ־שטעט זיינען מיר פערזענלעך באַקאַנט, אָבער איך ווייס, אַז ער האָט אויפן זעלבן אופן „באַאַרבעט דעם באָדן" אין די מערסטע שטעט, וואו עס זיינען אויפגעקומען ישיבות קטנות. ער האָט אין הונדערטער שטעט אָרגאַניזירט מסיבות־שבת במשך די שבתים, וואָס ער פלעגט אין זיי פאַרברענגען. איך האָב אים אויך אָבסערווירט במשך אַ זומער אין די קעטסקיל־בערג, וואו ער האָט ביי זיינע מסיבות־שבת, אין די פרומע קאָלאָניעס, געבראַכט קינדער אויך פון ניט־פרומע קאָלאָניעס און האָט זיי צוגעצויגן צו אידישקייט. זיין ליבשאַפט צו אידישע קינדער און זיין אהבת התורה, האָבן געבראָכן מויערן און געעפנט נייע האָריזאָנטן פאַר תורה און יהדות. זיין גרעסטער שכר פאַר דעם אַלעם איז געווען אַ שמייכל פון רבי'ן, וועלכער האָט אים באַגלייט אויף מאָנאַטן לאַנג.

ער איז ליידער זייער טראַגיש אומגעקומען אויף איינער פון זיינע ווייטע נסיעות. ווען איך גיי פאַרביי זיין קבר, ניט ווייט פון „אוהל" אדמו"ר נ"ע, און איך הער ווי מענטשן באַמערקן: „אַוועק נעבעך אַן עלנטער מענטש" — ווילט זיך מיר ענטפערן: „ניין, ער איז ניט קיין עלנטער! טויזנטער אידישע קינדער איבער דער לענג און ברייט פון אַמעריקע זיינען זיינע גייסטיקע קינדער".

יהי זכרו ברוך!